א ליכטיגן תמיד
אידיש
פנים מאירות
אנגעמען דאס לעבן - מיט א רואיגקייט
דורך אמונה שלום בטחון און שמחה

אור הבוקר

יום א' פרשת ראה תשפ"ב

ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה

קוק גוט, וועל ס'גוט!

תוכן המאמר: א. ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה; קוק גוט, וועל ס'גוט! / אלעס איז תלוי לפי די מעשים / פון הימל קומט נאר אראפ ברכה; אין די מענטש איז תלוי וויאזוי די מענטש זאל עס מקבל זיין / דורך וויסן אז מען לעבט צייטווייליג לעבט מען בשלום / נישט צו ווי טון א איד היינט ציטאגס איז 4 מאל מער ווי פאסטן פ"ד תעניתים / **ב. נצור לשונך מרע**; רעדן און אויסהערן מיט השיבות / אוועקמאכן א צווייטן איז א הולשות הדור / זהירות אין די שפראך.

אלעס איז תלוי לפי די מעשים

עס שטייט די וואך אין די סדרה 'ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, את הברכה אשר תשמעון. זאגט דער הייליגער רוזינער זצוק"ל, א מענטש דארף צו וויסן בידועה ברורה, אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, הן לטוב והן ח"ו להיפך, עס זעט נישט אויס טוב, הכל תלוי לפי מעשיו, אלעס איז לויט די מעשים פון די מענטש. עס איז דא א משנה (עדיות פ"ה מ"ז), די משנה זאגט: עקביא בן מהללאל אומר לבנו, עקביא בן מהללאל האט געזאגט פאר זיין זון, מעשיך יקרבוך ומעשיך ירחקוך, דיינע אייגענע מעשים וועלן דיך מקרב זיין, און דיינע אייגענע מעשים וועלן דיך דערווייטערן. פונקט אזויווי ווען עס רעגנט פון הימל, און עס פילט אן, און עס פאשעט אן די ערד מיט פייכטקייט,

די רעגן רעגנט די זעלבע אויף יעדע זאך, אויף יעדע גראזל, אויף יעדע בוים, אויף יעדע געוואוקס, און אויף די ערד אויך, רעגנט ציגלייך, כדי עס זאל קענען וואקסן.

אבער, פון איין פלאץ קומט ארויס זיסע לעכטיגע שיינע פירות, און פון די אנדערע פלאץ קומען ארויס דערנער. פון איין פלאץ קומט ארויס זאכן וואס האבן א גוטע ריח, און עס איז דא פלעצער וואס עס קומען ארויס פון דארט זאכן וואס האבן נישט קיין ריח בכלל.

וועט איינער דען טראכטן, אז די סיבה דערפון איז, אז די רעגן האט גורם געווען, דא זאל וואקסן דערנער, און דא זאל וואקסן זיסע פירות, דא זאל וואקסן זאכן מיט א גוטע ריח, און דא זאכן וואס האבן א שלעכטע ריח? ניין, קיינער טראכט נישט אזוי, ווייל יעדער איינער ווייסט, אז די שפע פון רעגן קומט איבעראל אן ציגלייך, די חילוק איז אין די מקבל, די קלימאקס, די ערד. די מקום איז מיוחד פאר דערנער, די מקום איז מיוחד פאר אתרוגים, און די פלאץ איז מיוחד עס זאל וואקסן עפל, און דאס איז מיוחד פאר רויזן, און דאס איז מיוחד פאר הדסים. עס איז תלוי אין די מקבל.

פון הימל קומט נאר אראפ ברכה; אין די מענטש איז תלוי וויאזוי די מענטש זאל עס מקבל זיין

די זעלבע זאך, ווען א מענטש זעט אז די מידת הדין איז אויסגעצויגן אויף אים, זאל ער גלייבן באמונה שלימה, אז טוב הגמור איז באהאלטן אין דעם, און אלעס איז לטובתו. און ווען מען גלייבט באמונה שלימה אז דער הייליגער באשעפער איז משגיח בהשגחה פרטית אויף אים, ווערט אלעס נתהפך לטובה. פון הימל קומט נאר אראפ גוטס, פון הימל קומט נאר אראפ השפעות טובות, עס איז תלוי אין די מקבל.

אויב וועט א מענטש פרעגן: איך טראכט אז עס גוט, און איך גלייב אז עס איז גוט, און עס איז נאך אלס שווער?!

דאן זאלסטו וויסן, אז עס איז א סימן, אז דו גלייבסט נאך נישט גענוג. האסט נאך נישט גענוג אמונה פשוטה. ווייל מען דארף אזויפיל גלייבן, ביז אלעס וואס עס גייט פאר ביי א מענטש, זעט מען, אז עס איז גוט.

מיט דעם טייטשט דער הייליגער רוזינער: 'ראה' דו זאלסט זען און גלייבן אין יעדע זאך, 'אנכי', אז דער הייליגער באשעפער, דער 'אנכי ה' אלקיך', גיבט אלע השפעות טובות. נאר וואס דען 'לפניכם' לויט ענקערע מעשים, לויט די מקבלים, ווענדט זיך וויאזוי עס זאל אנקומען צי ענק, אויב מען האט אמונה, דאן איז 'ברכה', איז עס א ברכה, און עס ווערט א ברכה לויט די מקבל. און 'קללה' ח"ו, פארקערט פון א ברכה. 'את הברכה' ווער זעט א ברכה? 'אשר תשמעו' דער וואס הערט אויס די מצוות פונעם אייבערשטן, ער היט די תורה, ער לעבט מיט תרי"ג מצוות, ער לעבט מיט די מסורה, ער דינט דעם אייבערשטן מיט אן אמת, ער איז א גוטע מקבל, ער זעט 'את הברכה', ווייל פונעם אייבערשטן קומט נישט ארויס קיין שלעכטס.

אונזער עבודת הקודש יומם ולילה לא ישבות, זיך ארײנצילייגן מיט אלע כוחות, אז אונז זאל מיר זען נאר גוטס.

דורך וויסן אז מען לעבט צייטווייליג לעבט מען בשלום

הגאון רבי יצחק טוביה ווייס זצוק"ל דער ירושלימער רב, האט נאכגעזאגט בשם זיין רבי'ן דער מכתב מאליהו, רבי אליהו דעסלער ז"ל. מיר זאגן ביים דאווענען 'ופרוס עלינו סוכת שלומיך'. וואס איז די שייכות פון 'שלום' מיט די 'סוכה'?

נאר וואס דען, די סוכה דארף דאך זיין א 'דירת עראי', אויב א מענטש ווייסט אז ער איז דא אויף די וועלט באופן פון א 'דירת עראי', נאר צייטווייליג, קריגט מען זיך נישט מיט קיינעם, מען איז קיינעם נישט מקנא, מען וויל נישט האבן יענעמס, מען האט נישט קיין טענות און קיין תערומות, מען איז סובל די וועלט און די מצבים. דעמאלסט איז דא שלום בעולם.

מיט דעם האט ער מפרש געווען: 'ופרוס עלינו סוכת שלומיך', דורך דעם וואס מענטשן וועלן וויסן אז די גאנצע לעבן דא אויף די וועלט איז א 'דירת עראי', דורך דעם וועט מען זוכה זיין צי 'שלום'.

'שלום' איז טייטש: ווען א מענטש אנערקענט צוויי זאכן. איינס, אז די גאנצע תכלית החיים אויף די וועלט איז טוב פונעם אייבערשטן, און קיינער קען מיר נישט קיין שלעכטס טון. און די צווייטע זאך איז, אז מען איז נאר אין א 'דירת עראי', מען דארף נישט אזויפיל שוואוילטאג, און זאכן דארפן נישט גיין מיין וועג. זייער אסאך מאל איז די רע נישט באמת רע, נאר דער מקבל נעמט עס אן רע, ער מאכט עס פאר א רע, ער שטעלט אוועק אזא צורה פון רע, דעמאלסט זעט עס אויס ווי רע. אונז דארף מיר הארעווען, צו גלייבן אינעם הייליגן באשעפער, ליב צו האבן דעם אייבערשטן, און וועלן זען די גוטס, און טרעפן די גוטס, און דעמאלסט זעט מען אז עס איז טאקע גוט.

הג"ר אליהו אליעזר
דעסלער בעל מכתב מאליהו

נישט צי וויי טון א איד היינט ציטאגס איז 4 מאל מער ווי פאסטן פ"ד תעניתים

דער בעלזער רב רבי אהרן זצ"ל, האט נאכגעזאגט בשם זיין טאטען רבי ישכר דוב פון בעלז זצ"ל, אז ווען עס קומט

אויס פאר א איד זיך צו פארטשעפענען מיט א צווייטער איד, צו זאגן עפעס אים ווייי צו טון, צוריק צו ענטפערן, און ער האלט זיך איין, ער טוט נישט יענעם וויי, ער טשעפעט נישט מיט קיין צווייטער איד, ווערט עס פאררעכנט אויבן אין הימל, ווי ער האט געפאסט פ"ד תעניתים. האט רבי אהרן בעלזער ציגעלייגט: דאס האט דער טאטע געזאגט ווען וועלט איז נאך געווען וועלט, עולם כמנהגו נוהג, אבער יעצט, נאך די גרויסע חורבן, איז סאך א שווערערע ארבעט, ווען איינער האלט זיך איין, נישט פוגע צו זיין אין זיין חבר. האט ער געוויזן מיט זיין האנט 'איז עס סאך און אסאך מער ווי פיר און אכציג תעניתים', אזוי האט ער געוויזן פיר מאל מיט זיין הענט, פיר מאל מער ווי פ"ד תעניתים.

נצור לשונך מרע; רעדן און אויסהערן מיט השיבות

אוועקמאכן א צווייטן איז א חולשות הדור

דער ראחמיסטריווקער רבי דארה"ב זצוק"ל האט פארציילט, אז פאר ער איז געקומען אויף אמעריקא חתונה האבן (עב"ג בת הרה"ק מסקווירא זצוק"ל), איז ער זיך געגאנגן געזעגענען מיטן בעלזער רב זצ"ל, און בערך צוואנציג מינוט האט אים דער בעלזער רב געגעבן הדרכה. אינמיטן האט אים דער בעלזער רב געזאגט: מען דארף אויסהערן וואס אנדערע זאגן, און נישט ווייזן קיין שום תנועה קלה, כאילו מען רעכנט זיך נישט מיט יענעם'ס ווערטער.

און דער בעלזער רב האט ממשיך געווען מיט מורא'דיגע ווערטער: עס איז אראפגעקומען א חולשה אויף די וועלט, אז ווען א מענטש זאגט א זאך, און דער צווייטער איז עס מבטל, און דורך דעם איז מען גורם פארן ערשטן, א חלישות הדעת...

צווישן עולם דרייט זיך א שפראך, וואס עס רופט זיך 'שטותים' 'עה, וואס רעדסטו דארטן?!'... מען דארף זיך פון דעם היטן, און אנטלויפן כמטחוי קשת.

מען גרייט זיך אויף די הייליגע טעג, מענטשן זוכן כפרת עוונות, תיקון עוונות. סובל צו זיין אידן, נישט ארייננזאגן פאר יענעם, נישט צוריקצוענטפערן, נישט מבזה זיין, נישט זאגן א שטעך ווארט - דאס ווערט

פארערכנט פיר מאל פ"ד תעניתים, און נאך אסאך מער פון דעם. און חוץ פון דעם, וויבאלד עס איז דא א חולשה אויף די וועלט, דארף מען ארייגלייגן אויף דעם א ספעציעלע הארעוואניע.

דאס נעמט אריין אין זיך, סיי איין מענטש צום אנדערען, און סיי קינדער מיט די עלטערן, עלטערן מיט די קינדער, תלמידים ותלמידות מיט זייערע מחנכים און מחנכות, מען דארף זייער זייער אפגעהיטן זיין, נישט אוועקצימאכן וואס מענטשן זאגן. ווען מען מאכט אוועק א מענטש, זענען זיינע יסורים זייער גרויס, די חלישות הדעת איז גרויס. יענער ווייסט נישט, וואס ער האט געטון אז יענער האט אים אזוי אוועקגעמאכט, צי ווייל יענער האט מיר נישט ליב, צי ווייל איך רעד ווי א נאר... מענטשן פאלן אריין אין אזויפיל עצבות און מרה שחורה, אין אזופיל אנעקזייעטי און צעבראכנקייטן, אז מען הערט זיי נישט אויס, און זיי ווייסן נישט פארוואס. מיר דארפן זייער חשוב האלטן די בני מלכים, יעדעס ווארט וואס א איד זאגט ארויס פון מויל, דארף מען קוקן אויף אים מיט א שמייכל, מיט אן אינטערעסע, מיט א חשיבות, מיט א געשמאק, 'האסט מיך ממש מחיה געווען!'...

אוי דארפן מיר היטן די וועג פון אונזער רעדן, מיר זאלן נישט ברענגען קיין חלישות הדעת, נישט אוועקמאכן קיינעם, נישט מצער זיין קיינעם נישט, נישט ווייזן פאר מענטשן מען הערט זיי נישט אויס. אויסהערן אידישע קינדער מיט א ליבשאפט, מיט א ווארימקייט, מיט אן אינטערעסע, און לאזן יענעם אויסרעדן. און אויב יענער זאגט עפעס וואס איז נישט ריכטיג, אדער וואס עס איז אנדערש, מוזטו זיך נישט דינגן, מוזטו נישט ווייזן אז דו האלטסט נישט ווי אים, דער הייליגער בעלזער רב זאגט, דאס איז א חולשות הדור. דארף מען זיך אויף דעם מתגבר זיין, דאס וועט ברענגען די אהבת חינם, און ביאת המשיח בעזר ה'.

זהירות אין די שפראך

דער הייליגער רבי אליעזר'ל דזיקובער זי"ע האט זייער מקפיד געווען אויף די נקיות פון די שפראך, אזויווי חז"ל (פסחים ג.) זאגן 'לעולם יספר אדם בלשון נקיה, וכו', ותבחר לשון ערומים', ער האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט א ווארט פון די מויל פאר ער האט עס איבערגעזיפט בי"ג נפים, עס זאל נישט זיין קיין שום ווארט וואס איז נישט אידל, אדער נישט ריין, אדער נישט קיין ברכה, אדער א דבר רע. ער האט קיינמאל נישט געזאגט 'שווארץ' אנשטאט דעם האט ער געזאגט 'טינקל'. ער האט קיינמאל נישט געזאגט 'מעסער', מעסער איז דאך א מסוכנ'דיגער זאך, ער האט געזאגט 'אן עסער'. ער האט אויך נישט געזאגט 'באגלייטן' ער האט געזאגט 'באלייטן'. ער האט אויך קיינמאל נישט געזאגט 'אף'. 'אף' מיינט 'צארן'. ביים סדר נאכט האט ער נישט געזאגט 'לך אף לך', ער האט געזאגט 'לך גם לך'. סוכות האט ער נישט דערמאנט די ווארט 'וואסער', ווייל אין די משנה שטייט 'מים' איז א 'סימן קללה בחג', און אזוי האט ער

שטענדיג אפגעהיטן יעדע ווארט וואס ער האט געזאגט.

דער ראחמיסטריווקער רבי דארה"ב זצ"ל האט פארציילט: זיין שווער, דער סקווירער רבי זצ"ל, פלעגט נישט לאזן זאגן אויף א מענטש אז ער האט זיך 'צוגעלייגט', צוגעלייגט איז עצבות, נאר מען זאל זאגן 'ער האט זיך אראפגעלייגט', 'אראפגעלייגט' איז אן ענין פון 'עניוות'. א איד דארף האבן אן אפגעהיטענער מויל.

איינמאל האט דער הייליגער רבי אליעזר'ל דזיקובער גערעדט מיט זיין זון דער אמרי נועם. אינימטן שמועס, האט זיין זון זיך אנגערופן 'אייגנטליך'. 'אייגנטליך' מיינט 'אין אמת'ן אריין', אבער דאס איז געווען א נייער ווארט, וואס מען האט דעמאלסט נישט גענוצט אזוי שטארק אויף אידיש. האט זיך אנגערופן רבי אלעיזר'ל דזשיקובער: וואס זאגטו? 'קליין געלט', האט ער געזאגט 'ניין, איך האב געזאגט אייגנטליך', און ער האט אים מסביר געווען וואס דאס מיינט. אבער דער הייליגער רבי אליעזר'ל דזיקובער האט דאס נישט ליב געהאט. "וואס ברענגסטו מיר נייע ווערטער? וואס ברענגטו מיר נייע לשונות? עס איז גענוג די אלטע!" פארוואס? ווייל די אלטע ווערטער איז געווען אפגעהיטן, דאס האבן אונזערע רבי'ס און גדולים גענוצט, און יעדע ווארט איז געווען געמאסטן.

אוודאי היינט, לאמיר זאגן, מען האט שוין נייע שפראכן, מען מישט אריין ענגליש און אנדערע שפראכן. אבער אונז דארף מיר זיך אויסלערנען, אלע שפראכן ציזאמען דארף זיין בלשון נקיה, נישט ווערטער וואס ברענגען ארויס ח"ו נישט קיין גוטס. למשל, היינט הערט מען כסדר פון יונגע מענטשן, זיי זאגן 'יענער האט זיך צאמגעשאלטן', ח"ו, קלאפן אויף די מויל, מען דארף אויסרייסן די ווארט! אידישע קינדער דערמאנען אפילו נישט די ווארט, נישט מען טוט עס, און נישט מען רעדט דערפון, און נישט מען ניצט עס אלס א משל. קיינמאל האבן אידן נישט גענוצט די ווארט. די ווארט טאר נישט ארויפגיין אויף אידישע מיילער. דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן, מען דארף רעדן ריין, הייליג, ברכות, שטענדיג געבן ברכות פאר אידן.

דער זיידע ז"ל [הגה"ק בעל ברכת שמים מקאשוי זצוק"ל] פלעגט שטענדיג זאגן 'גוט מארגן' אפילו פאר ער האט זיך געגאנגען לייגן ביינאכט. ער האט נישט ליב געהאט 'א גוטע נאכט'. עס זאל שוין זיין מארגן, עס זאל זיין לעכטיג, עס זאל זיין פריילך. די וועלט זאגט פאר א געוואלדיגע מעשה 'א מעשה נורא', דער זיידע ז"ל פלעגט זאגן 'א מעשה מנורה', עס איז לעכטיג, עס איז נישט נורא... אונזערע עלטערן, אונזערע רבי'ס, האבן אזוי געהיטן די דיבור, די דיבור זאל זיין הייליג, די דיבור זאל ברענגען ברכות, די דיבור זאל ברענגען אז מען זאל בענטשן דעם הייליגן באשעפער.

כ"ק אדמו"ר מזידיטשוב-פרעמיסלא שליט"א, האט פארציילט, אז ער האט אמאל געפרעגט זיין זיידן ז"ל, מורי ורבי הרה"ק בעל עבודת עבודה מטאהש זצוק"ל, צי שבת נאך תהלים זאגט מען

'מי יתן מציון' וגו', האט דער טאהשער רבי נישט געוואלט ארויסזאגן 'ניין מען זאגט נישט' צי 'מען זאגט יא'. ער האט אים נאר אזוי אויפגעמישט די תהלים, און ער האט אים געוויזן דארטן, אז עס שטייט 'מעוזם בעת צרה', שבת איז נישט גלייך צי זאגן 'עת צרה'. אבער וויבאלד ער האט נישט געוואלט ארויסזאגן די ווערטער, ער האט נישט געוואלט זאגן, די פסוק זאגט 'עת צרה' האט ער אים מרמז געווען, אז שבת זאגט מען עס נישט. ווייל אזוי אפגעהיטן זענען געווען אונזערע צדיקים אויף יעדע ווארט, און יעדע אופן וויאזוי מען זאגט עס ארויס. איז אוודאי און אוודאי דארפן מיר אלע אפגעהיטן זיין וויאזוי מיר רעדן צי אנדערע מענטשן, און פון אנדערע מענטשן, וואס פאר א געפילן, וואס פאר א הארץ מען גיבט זיך ארויס איין איד פארן צווייטן, וואס פאר א חשיבות מען גיבט איין איד פארן צווייטן, מיר זענען בני מלכים, מיר זענען העכערע נשמות קדושות וטהורות.

דאס הייליג ווייסע קאפל פון הגה"ק בעל עבודת עבודה מטאהש זצוק"ל

מעשה בחסיד אחד

אין ספר 'מופת הדור' [סיפורים על הרה"ק רבי ישעיה מקרעסטיר זי"ע] פארציילט רבי יעקב הלבערשטאם זצ"ל פון טשאקעווע [ער איז געווען אן אייניקל פון רבי ברוכ'ל גארליצער, א זון פונעם הייליגן צאנזער רב זי"ע]. נאכן ערשטען וועלטס קריג, איז ער אנטלאפן אויף אונגארן, און ער איז אנגעקומען צו רבי ישעי'לע אין קערעסטיר. רבי ישעי'לע האט אים געבעטן ער זאל דארט בלייבן אויף פורים, און ער איז דארט געבליבן אויף פורים. נאך פורים האט אים רבי ישעי'לע געזאגט בענוותנותו ובקדושתו ובטהרותו מיט זיין ווארעם הארץ, אז אזוי ווי ער איז א גרויסער מורה הוראה, און עס קומט יעצט פסח, דארף ער איינער זאל אים פסק'ענען אלע שאלות, וויל ער, ער זאל בלייבן אויך אויף פסח ביי אים.

פארציילט דער טשאקעווער רב: מען האט זיך געזעצט צום סדר, רבי ישעי'לע איז געזעצן אויבן אן, נעבן אים איז געזעצן דער טשאקעווער רב. עס איז געווען אנגעגרייט די מצות, די וויין, די ווייסע טישטיך. און אינמיטן האט איינער על פי טעות געגעבן א שטופ רבי ישעי'לעס טיש, עס האט זיך אויסגעגאסן די וויין, נאס געמאכט די מצות, פארשמוציגט די טישטיכער, מען האט געדארפט גיין ברענגען די מצות וואס מען האט געבאקן פארן צווייטן נאכט, אויפן ערשטן סדר,

איבערטווישן די טישטיכער, און אזוי האט מען געטון. און רבי ישעי'לע האט ביז דערווייל בארואיגט די איד אז עס איז גארנישט, עס איז נארמאל, ער האט אים מורא'דיג בארואיגט.

זעט אויס, אז רבי ישעי'לע האט געזען, אז דער איד האט נאך אלס א חלישות הדעת. ווי שטארק די גבאים און די משרתים האבן געהארעוועט ציצוגרייטן דעם סדר טיש, און וואס פאר אן עבודה רבי ישעי'לע האט אריינגעלייגט צי באקן די ערב פסח מצות אזויווי ער האט מקבל געווען פון זיין הייליגן רבי'ן פון ליסקא, ער האט גוט פארשטאנען די יסורים דא, און ער האט זיך נישט געקענט בארואיגן. האט דער טשאקעווער רב באמערקט, ווי רבי ישעי'לע האט פראבירט מיט זיין פיס צו שטופן די טיש, און רבי ישעי'לע האט באמערקט, ווי ער זעט, האט ער אים געווינקן ער זאל זיך גארנישט אנרופן. רבי ישעי'לע האט אזוי לאנג גערוקט די טיש, ביז עס



האט זיך איבערגעדרייט נאך פלעשלעך וויין, און עס האט זיך איבערגעדרייט דארט אויפן צווייטן טיש, וויין, און עס איז געווארן דארט א גרויסע מהפיכה.

רבי ישעי'לע האט געגעבן א שריי: "וואס ברענגט מען א צעבראכענע טיש צום סדר?! שוין די צווייטע מאל וואס עס דרייט זיך איבער!!". מען האט געדארפט צאמפאקן די טיש, ברענגען אן אנדערע טיש, און צוגרייטן פון וואס מען האט געהאט.

דאס איז געווען די הארץ פון דעם הייליגן רבי ישעי'לע! כאטש ער האט פארלוירן מצות, ער האט פארלוירן וויין, די טישטיכער זענען געווארן שמוציג, עס איז נישט געווען קיין פלעסטיג אין יענע צייטן. אבער ביי רבי ישעי'לע איז געווען סאך וויכטיגער דאס הארץ פון א צווייטער איד, חלילה וחס, עס זאל נישט זיין קיין חלישות הדעת.

צו ערהאלטן **אונזערע גליונות** יעדע וואך, שיקט צו:
gilyonospm@gmail.com

מען דארף זיך אויסרוען

יונגעלייט און בחורים פרעגן אפט, איבער די שאלה פון זיך אביסל אויסלופטערן, צי דאס איז פאסיג אדער נישט.

אין ספר "פרדס הצדיקים", אויף נשמת פון הגאון רבי יוסף חיים גרינוואלד שליט"א, דף קצח, דערציילט ער א מעשה:

דער הייליגער יסוד העבודה האט אמאל דערציילט, אז צווישן די אייניקלעך פון הרה"ק רבי שלמה פון קארלין זי"ע, איז געווען רבי איציל'ע קוידענאווער זצ"ל. ער איז אמאל געווארן זייער שוואך פון צופיל אנשטרענגען זיך. דער דאקטאר האט אים געזאגט אז זיין מח און נערוון זענען שטארק אנגעשטרענגט, און דעריבער דארף ער אויפהערן לערנען פאר א צייט און זיך באשעפטיגן מיט פארוויילונגען. למשל, ער זאל שפילן שאך כדי צו געבן זיין מח אביסל רו.

רבי איציל'ע קוידענאווער האט נישט געהאט קיין ברירה און איז געגאנגען צו א געוויסן האטעל זיך אפרוען. ער האט מיטגענומען איינעם פון די חסידים, און זיי האבן געשפילט לשם שמים, פאר די רפואה פונעם גוף, כדי אפצוריען זיין מח פון די שטארקע און אנגעשטרענגטע עבודת הקודש וואס האט אים אויסגעמוטשעט.

דער חסיד וואס האט געשפילט מיט רבי איציל'ע קוידענאווער האט דערציילט אז יעדעס מאל ווען זיי האבן געדארפט זיך קאנצענטרירן כדי ווייטער צו שפילן, פלעגט רבי איציל'ע קוידענאווער ווערן צעפייערט און אויסרופן: "מיט דעם געדאנק וואס דער אויבערשטער האט מיר געשיקט, און מיט דעם חיות וואס לאזט מיר באוועגן מיינע הענט און זען מיט מיינע אויגן, איז אלץ פון דעם בורא כל עולמים! ער האט מיר

געגעבן לעבן, און מיט דעם כח וואס ער האט מיר געגעבן, און מיט דעם לעבן וואס איך לעב, מיט דעם גדאנק פונעם אויבערשטן, מיט דעם לעבן וואס איך לעב, און מיט די כח צו רירן מיין האנט, רוק איך דעם שטיקל אהער און יענעם שטיקל אהין". און אזוי האט ער געשפילט לשם שמים, אלעס מיט דעם כח פונעם אויבערשטן, [דער מקור פאר דעם געפינט זיך אין "כתבי רמ"מ", אות תקע"ח].

ער ברענגט אויך דארט, רבי יוסף חיים, פון "אגרות חזון איש", חלק א', אגרות ל"ה, וואו דער חזון איש שרייבט: "די געזעצן פון די טבע זענען אזוי, אז מען קען תיכף ווערן איבערגעשטרענגט, און מען זאל נישט מזלזל זיין אין די געזעצן פון נאטור. מען טאר נישט קליין שעצן די נאטור וואס דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין א מענטש. דאס וואס מיר רופן 'נאטור' איז דאס וואס דער הייליגער באשעפער האט באשאפן אין דער מציאות פון דער וועלט. דאס איז דער רצון השם," שרייבט דער חזון איש צו יענעם מענטש. "דו ביסט מחויב אינגאנצן אויפצוהערן לערנען פאר צוויי וואכן. דו זאלסט עסן מער, ווייל דאס ברענגט געזונט, שלאפן מער, גיין שפאצירן, און זיך באשעפטיגן מיט אנדערע 'עניני הבטלה'". ער מיינט צו זאגן, פארברענגען צייט אויף זיך איבערצובויען און צו זאמלען כוחות.

"איך האב זייער הנאה געהאט פון דיינע דברי תורה, וואס ווייזן דיין רייכקייט און ליכטיגקייט אין תורה, אבער איך וויל זיך יעצט נישט אריינלאזן אין דעם, ווייל יעצט דארפסטו זיך אפרוען". אזוי שרייבט דער הייליגער חזון איש. און ער ברענגט אויך דארט פון חפץ חיים זצ"ל, החפץ חיים ופעליו, חלק א', פרק ז', אז דער דאקטער האט אמאל אנגעזאגט דעם הייליגן חפץ חיים נישט זיך איבערצושטרענגען פאר א יאר צייט, און ער האט געפאלגט, ווייל ער האט נישט געוואלט זיך מאכן פראבלעמען פאר די קומענדיגע יארן.

איך וועל אויך דערציילן א מעשה: איך בין אמאל געגאנגען צו מיין זיידן, זכרונו לברכה, מיט איינס פון די קינדער, און האב אים דערציילט וועגן זיין התמדה, וויפיל שעה'ן און בלעטער ער האט געלערנט, און עס זענען געווען איבערגעריסענע שעה'ן און בלעטער. מיר זענען געווען זיכער אז מיין זיידע וועט באמת זיין דערפרייט און שפירן א נחת דקדושה. מיין זיידע האט זיך ארומגעדרייט און געזאגט פאר'ן קינד,

"אזוי טוט מען נישט. מען טאר דאס נישט טון. מען דארף אויך רוען. מען דארף געבן צייט צו רוען".

על כל פנים, פון דעם זעט מען, אוודאי זאל מען חלילה נישט מאכן אינגאנצן גשמיות'דיג, עס אריינצוברענגען אין תאוות, חלילה. אבער מען זעט דער געדאנק אז א מענטש דארף אויסלופטערן זיין מח, אויפצופרישן זיין גוף, כדי צו זאמלען פרישע, ענערגישע כוחות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, צו קענען ווייטער אנגיין, דאס איז עפעס וואס צדיקים און גדולים האבן געגלייבט דערין. מיר זעען גדולים וטובים, צדיקים, וואס זענען געפארן צו קור-ערטער און פלעצער מיט גוטע לופט אויסצולופטערן דעם מח.

פארשטייט זיך, נישט צו ווערן מגושם'דיג, נאר זיך אפצורוען פון די שווערע עבודה און אביסל איבערצובויען דעם גוף דורך שלאף, דורך מנוחה, דורך עסן. פארשטייט זיך, חלילה, נישט צו ווערן מגושם'דיג, נישט אריינצופאלן אין תאוות, צו בלייבן אפגעהיטן. פארקערט, עס ברענגט א התעלות דקדושה, עס ברענגט מער דביקות צום בורא, עס ברענגט מנוחת הנפש, מנוחה ושמחה אור ליהודים. אויף אזא אופן זאל מען דאס זיכער טון, און מען מעג דאס זיכער טון, און דאס איז א טייל פון דער טבע, ווי דער רמב"ם זאגט, "ווייל די געזונט פונעם גוף איז פון די דרכי השם". א מענטש מוז זיך דערווייטערן פון זאכן וואס מאכן, חלילה, דעם גוף אומגעזונט אדער אפגעשוואכט. א מענטש מוז זען צו האבן א געזונטן גוף, א געזונט הארץ, און א געזונטן מח.

הצלחה, ברכה, און סייעתא דשמיא.

מען קען הערן תשובות בכל תחומי החיים אויפן ליניע אויף קנעפל: 511.

קול פנים מאירות

שיעורי כ"ק מרן אדמו"ר מפנים מאירות סיקסא שליט"א

צענטראלע טמער: 845-414-0076

א"י: 072-370-1823

ענגלאנד: 0330-350-3190

ארגענטינע: 5411-2152-7691

אנטווערפן: 323-346-0673

מאנטריאל: 438-228-2500

פנינים יקרים

עס איז פאראנען 2 תשובה'ס תשובה מיראה און תשובה מאהבה

דער **רבי ז"ל** ברענגט אין **דברי יואל**, עס שטייט אפשר מער פון צען מאל, א געוואלדיגער רעיון וואס מען דארף זיך אריינטראכטן ווען מען רעדט פון תשובה. זאגט ער אזוי. עס איז דא 'תשובה מאהבה' און עס איז דא 'תשובה מיראה'. וואס איז די חילוק פון 'תשובה מאהבה' און 'תשובה מיראה'?

'תשובה מאהבה' מיינט זייער פשוטע ווערטער, א מענטש האט ליב דעם אייבערשטן און ער טוט תשובה. און נאכדעם איז דא 'תשובה מיראה', איך האב מורא פונעם אייבערשטן. עס איז דא א 'יראה עילאה', מען האט א דרך ארץ פארן אייבערשטן, מען האט א יראת הכבוד.

עס איז נישט מעגליך פאר א מענטש צו טון 'תשובה מאהבה'

זאגט דער רבי מורא'דיגע ווערטער. עס איז נישט דא אזא היכי תמצא, אז א בשר ודם זאל טון 'תשובה מאהבה', פארוואס? אויף דעם ברענגט ער, א מענטש קען נישט בדרך הטבע ליב האבן א זאך וואס ער זעט נישט, און ער ווייסט נישט וואס דאס איז. איך וועל דיר זאגן עפעס א געוויסע מאכל אויף די וועלט, וועסטו עס נישט ליב האבן, ווילאנג דו וועסט עס נישט טועם זיין. 'תשובה מאהבה' מיינט ליב האבן דעם אייבערשטן. א זאך וואס מען זעט נישט, און מען קען נישט זען מיט די אויגן, איז נישט מעגליך בדרך הטבע, עס זאל זיין אזא מציאות פון תשובה מאהבה.

וואס רעדן חז"ל פון תשובה מאהבה? זאגט דער רבי הפלא'דיגע ווערטער, די תירוץ איז, עס איז טאקע נישט דא אזא זאך. נאר אויב א מענטש דינט דעם אייבערשטן, און ער וויל באמת תשובה טון, געבט אים דער אייבערשטער א מתנה בדרך נס, אז ער קען ליב האבן דעם אייבערשטן. ליב האבן דעם אייבערשטן איז א מתנה בדרך נס. א מענטש דינט דעם אייבערשטן, ער וויל לערנען, ער וויל דאווענען, ער וויל מקיים זיין די מצוות התורה, ער וויל טון וואס עס איז ריכטיג. געבט אים דער הייליגער באשעפער א מתנה בדרך נס, ער קען ליב האבן דעם אייבערשטן.

תשובה מיראה איז די עבודה פון א מענטש

'תשובה מיראה', דאס איז יא שייך. ווייסט פארוואס? ווייל בדרך הטבע, מען זעט, אז מען ווערט באשטראפט, מענטשן הערן זאכן, דא הערט מען אזא מעשה און אזא מעשה ח"ו, מענטשן גייען א דורך יסורים, מענטשן גייען א דורך שוועריגקייטן. 'יראה' איז 'דרך הטבע', ממילא איז שייך אז א מענטש זאל תשובה טון באופן יראה. חוץ מזה, עס איז בדרך השכל. עס איז בדרך הטבע, א מענטש האט מורא אז מען זאגט אים דאס און דאס וועט געשען, אפילו ביסט נאך קיינמאל נישט דארט געווען, מען וועט דיר זאגן, אז דארט טאר מען נישט גיין, ווייל דארט איז א סכנה, וועסטו נישט גיין און פערטיג. אפילו וועסט עס נישט קיינמאל האבן געזען, דאס איז א טבע, מורא צו האבן פון זאכן וואס מען סטראשעט אז מען זאל מורא האבן.

יראת הכבוד ווייל ער איז העכער פון אונז

נאכדעם איז דא זאכן וואס איז 'יראת הכבוד'. מען האט נישט מורא פון א רבי, למשל דער בעל שם טוב הק', ווען איינער איז אריינגעגאנגען, האט מען דען עפעס מורא געהאט? ער איז א שלעכטער מענטש? אבער מען האט זיך געוואורפן פאר פחד... דאס איז יראת הכבוד, עס איז א יראת הכבוד. ער איז העכער פון אונז, איז בטבע מען איז זיך מכניע. דאס איז יראה עילאה. אזוי ברענגט דער רבי.

האסט נישט 'תשובה מאהבה'? עס איז נישט בידך!

דאס איז א הפלא'דיגע זאך צו וויסן. פארוואס? ווייל זייער אסאך מאל, א מענטש פאר זיך, ער וויל תשובה טון. ער שפירט נישט... עס ארבעט נישט... איר ווייסט, די ערשטע שטיקל 'יום כיפור קטן', מען הייבט אן 'תפלה לעני', גייט עס נאך גאנץ בחסד, אבער צוביסלעך, די קאפ איז שוין אין נאך פלעצער, מען הייבט אן צעבראכן ווערן, "שוין, אזוי זע איך אויס!"... ווען מען האלט שוין ביי די ווידוי טראכט מען "שוין, אזוי זעט אויס מיין הייליגע טעג!"... און אזוי זעט אויס בעצם די גאנצע הייליגע טעג, די גאנצע ראש השנה יום כיפור'דיגע דאווענען. 'במוצאי מנוחה' עס דינערט! פלוצלונג טרעפט מען זיך, מען איז צוריק אין די דמיונות און חלומות, די מח פארט, און די קאפ דרייט זיך.

א מענטש ווערט צעבראכן, אבער דאס איז אלץ תשובה. ביסט נישט אין תשובה מאהבה, האסט נישט די מתנה פונעם אייבערשטן, אויף דעם דארף מען הארעווען צו באקומען די מתנה, עס איז אן הארעוואניע, עס איז אן השתוקקות וואס א מענטש דארף הארעווען, עס איז אבער נישט א פעולה וואס דו קענסט טון.